בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת נח תשפ"ה | גליון 766 [שנה ט"ז]

**פארוואס הייסט דאס פרשת נח און נישט פרשת תולדות**

אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ: (ו ט) די פרשה הייסט פרשת נח ווייל עס פאנגט זיך אן "אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ", אויב אזוי פארוואס ביי פרשת תולדות וואס פאנגט זיך אויך אן מיט "וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת יִצְחָק" און מען רופט דאס פרשת תולדות און נישט פרשת יִצְחָק? נאר מען טרעפט נישט דערמאנט אז נֹחַ איז בן לֶמֶךְ, ווייל נֹחַ איז געווען א צדיק אין זיין אייגענע זכות און האט זיך נישט באריהמט מיט זיין טאטן דעריבער שטייט אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ, ער איז געווען אִישׁ צַדִּיק נאר אין זיין זכות, דעריבער הייסט דאס פרשת נֹחַ. מה שאין כן ביי פרשת תולדות שטייט וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת יִצְחָק בֶּן אַבְרָהָם און אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק: ווייל יעדער האט זיך באריהמט מיטן צווייטנס זכות, ממילא הייסט דאס פרשה תולדות ווייל אלע באריהמען זיך מיט די פריערדיגע. (דברי חיים – לנץ תלמיד בוטשאטש)

**וואס איז דער חילוק פון נח און חנוך?**

אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו אֶת הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ: (ו ט) דער טעם וואס עס שטייט תָּמִים הָיָה "בְּדֹרֹתָיו"? זאגן חז"ל אויב נח וואלט געווען אין א אנדער דור, וואלט ער נישט געווען א צדיק, האב איך געהערט א פשט פון מיין טאטן, הגאון ר' משה, לויט וואס עס שטייט אין מדרש וְנֹחַ מָצָא חֵן בְּעֵינֵי ה', נֹחַ האט געטראפן חֵן אין אויבערשטן **אבל הקב"ה לא מצא**, דער אויבערשטער האט נישט געטראפן חן אין נח, איז ער מסביר אז ביי צדיקים איז זייער נאמען א גורם, אזוי ווי ביי חנוך וואס איז געווען גאר גרויס איז אין זיין נאמען די אותיות ח"ן כ"ו, וואס דאס איז חֵן צוזאמען מיט שם הוי', ווייל חנוך האט חֵן אויך פון כ"ו הוי', אבער ביי נח איז נאר דא די אותיות חֵן אבער עס איז נישטא כ"ו הוי', דעריבער שטייט אין מדרש אז דער שם הוי', דער חן פון אויבערשטער, איז נישטא אין נח, מיט דעם איז גוט וואס עס שטייט ביי משה (שמות לג יב–יג) וְאַתָּה אָמַרְתָּ יְדַעְתִּיךָ בְשֵׁם וְגַם מָצָאתָ חֵן בְּעֵינָי עַתָּה אִם נָא מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ הוֹדִעֵנִי נָא אֶת דְּרָכֶךָ וְאֵדָעֲךָ לְמַעַן אֶמְצָא חֵן בְּעֵינֶיךָ: משה האט געזאגט וְאַתָּה אָמַרְתָּ יְדַעְתִּיךָ "בְשֵׁם", ממילא האב איך דער כ"ו, צוזאמען מיט וְגַם "מָצָאתָ חֵן" בְּעֵינָי, איך האב אויך דער ח"ן וואס צוזאמען איז דאס חנו"ך, און באמת ווען משה וואלט אריין אין א"י וואלט ער געווען אין די זעלבע מדריגה פון חנוך און אליהו, יעצט לפי"ז איז גוט ביי נח אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו, נאר אין זיין דור איז ער געווען א צדיק, אבער אין אנדערע דורות וואלט ער נישט געווען א צדיק ווי חנוך ווייל אֶת הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ, ער איז געגאנגען מיט שם אֱלֹקִים, און נישט מיטן שם הוי', האט ער נאר ח"ן אן דער כ"ו, איז ער נישט דער צדיק ווי חנו"ך. (שם שמואל מסוויסלאוויץ פראנקפורט תנ"ט)

**פארוואס שטייט ויולד נח שלשה בנים**

וַיּוֹלֶד נֹחַ שְׁלֹשָׁה בָנִים אֶת שֵׁם אֶת חָם וְאֶת יָפֶת: (ו י) פרעגן אלע פארוואס דארף שטיין דא נאכאמאל אז נח האט געבוירן דריי זין ווען עס שטייט שוין פריערט (בראשית ה' ל"ב) וַיְהִי נֹחַ בֶּן חֲמֵשׁ מֵאוֹת שָׁנָה וַיּוֹלֶד נֹחַ אֶת שֵׁם אֶת חָם וְאֶת יָפֶת? נאך פרעגט דער אגרא דכלה פארוואס שטייט וַיּוֹלֶד נֹחַ שְׁלֹשָׁה בָנִים, שרייבן דעם צאל פון דריי קינדער, ווען עס שטייט גלייך נאכדעם אֶת שֵׁם אֶת חָם וְאֶת יָפֶת, ווייס איך שוין אליין אז ער האט דריי קינדער? נאר מען קען זאגן אז מען טרעפט אין

פ' בראשית ביי חנוך (ה כ"ב) וַיְחִי חֲנוֹךְ חָמֵשׁ וְשִׁשִּׁים שָׁנָה וַיּוֹלֶד אֶת מְתוּשָׁלַח: אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת מְתוּשֶׁלַח שְׁלֹשׁ מֵאוֹת שָׁנָה און נאך 300 יאר שטייט וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת: האט ער געהאט נאך קינדער, און אזוי איז ביי אלע, וואלט מען געמיינט אז ביי נח איז אויך געווען דאס זעלבע, אז ער האט געהאט נאך קינדער, אבער אין תיבה זענען געראטעוועט געווארן נאר שֵׁם חָם וָיָפֶת, דעריבער שטייט ארויס קלאר וַיּוֹלֶד נֹחַ שְׁלֹשָׁה בָנִים, און זיי זענען שֵׁם חָם וָיָפֶת, צו מדגיש זיין אז נח האט נאר געהאט די דריי קינדער. (אור וחיים לישראל הירש)

**פארוואס שטייט נישט צדיק תמים?**

וַיֹּאמֶר ה' לְנֹחַ בֹּא אַתָּה וְכָל בֵּיתְךָ אֶל הַתֵּבָה כִּי אֹתְךָ רָאִיתִי צַדִּיק לְפָנַי בַּדּוֹר הַזֶּה: (ז א) רש"י פרעגט די באוואוסטע קשיא פארוואס שטייט נישט דא צַדִּיק תָּמִים? און ער ענטפערט ווייל מען זאגט א מקצת שבח בפניו פון א מענטש און נישט די גאנצע שבח, דעריבער שטייט נאר צדיק. פון דעם זעהט מען אז נח איז געווען א צדיק תמים. דער כלי יקר ענטפערט די קשיא פון רש"י, ווייל אין אנפאנג פרשה שטייט שוין נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו, ממילא דארף מען נישט איבער חזר'ן דא נאכאמאל אז ער איז א תָּמִים. מען קען אויך ענטפערן די קשיא לויט וואס דער מהר"ם שיק איז מחדש, ווייל רש"י (ו יד) פרעגט הַרְבֵּה רֶוַח וְהַצָּלָה לְפָנָיו, וְלָמָּה הִטְרִיחוֹ בְּבִנְיָן זֶה? כְּדֵי שֶׁיִּרְאוּהוּ אַנְשֵׁי דּוֹר הַמַּבּוּל עוֹסֵק בָּהּ מֵאָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה וכו', פארוואס האט דער אויבערשטער געמאכט א תיבה צו ראטעווען נח ווען דער אויבערשטער האט גענוג וועגן צו ראטעווען א מענטש? ענטפערט ער אז עס שטייט ביי לוט וַיֹּאמֶר הִמָּלֵט עַל נַפְשֶׁךָ אַל תַּבִּיט אַחֲרֶיךָ: (יט יז) זאגט רש"י דער מלאך האט געזאגט צו לוט **שאינך ניצל בזכותך אלא בזכות אברהם ואינך רשאי לראות בפורעניות הנעשה להם כיון דגם אתה עשית כמעשיהם**, קומט אויס אז לוט איז ניצל געווארן נאר אין זכות פון אברהם, דעריבער האט לוט נישט געמעגט קוקן אויף די מפלה פון די רשעים, ממילא דא אויך זענען די קינדער פון נח נישט געווען צדיקים, דעריבער וואלטן זיי נישט געטארט זען אין די מפלה פון דער דור המבול, אפילו דער אויבערשטער וואלט געקענט מאכן א אנדערע הצלה פאר נח, אבער די קינדער פון נח וואלטן נישט געמעגט קוקן, דעריבער האט דער אויבערשטער געהייסן מאכן א תיבה כדי די קינדער וועלן נישט זעהן די מפלה פון דור, און זיי וועלן ניצל ווערן אין זכות פון נח, דאס שטייט בֹּא אַתָּה וְכָל בֵּיתְךָ אֶל הַתֵּבָה, פארוואס דארפסטו גיין אין די תיבה צוזאמען מיט דיין הויזגעזינט? ווייל כִּי אֹתְךָ רָאִיתִי צַדִּיק לְפָנַי בַּדּוֹר הַזֶּה, ווייל נאר אין דיין זכות וועלן זיי ניצל ווערן עכ"ד. ממילא איז הפלא מיושב, ווייל צוליב די זכות פון הצלה דארף דער אויבערשטער נישט דערמאנען אז ער איז א צַדִּיק תָּמִים, ווייל דער זכות פון צַדִּיק אליין איז גענוג. וואלט מען געקענט ווייטער זאגן און פארענטפערן נאך א דיוק וואס די וועלט פרעגט, פארוואס דארף שטיין כִּי אֹתְךָ רָאִיתִי צַדִּיק "לְפָנַי" בַּדּוֹר הַזֶּה און נישט סתם כִּי אֹתְךָ רָאִיתִי צַדִּיק בַּדּוֹר הַזֶּה? נאר די ווארט "לְפָנַי" איז צו זאגן אז "פארן אויבערשטן" איז געווען אנטפלעגט און גענוג א צדיק צו ראטעווען אין זיין זכות זיין ווייב און קינדער ודו"ק. (שמחה זבולון תשפ"א תשפ"ה)

## *****מיט אמונה פשוטה איז א חסיד פון דעם ארי' דבי עילאי געווארן א גרויסער עושר*****

הרה"ק ר' ארי' לייב ליפשיץ דער אריה דבי עילאי אב"ד ווישניצא (תקכ"ז - י"ז טבת תר"ו), איז געווען דער איידעם פון היילגן ישמח משה: אין שטאט ווישניצא האט געוואוינט א איד ר' העשיל פון די חסידים פון ארי' דבי עילאי, וואס ר' העשיל האט געהאט א פאבריק פון אייזן מיט א שותף וואס האט אים געברענגט שיין פרנסה, ויהי היום האט דער געשעפט אנגעפאנגען גיין בארג אראפ, ביז עס האט געשען אז עס האט נישט געברענגט פאר ר' העשיל קיין פרנסה, איז ער געגעאנגען צום ארי' דבי עילאי פרעגן וואס זאל ער טאן? און דער רבי ליינט זיין קוויטל און זאגט איך זעה נישט פאר דיר קיין הצלחה מיט יענעם שותף אין די אייזן פארבריק, דעריבער אנטזאג זיך פון דיין שותפות. און פאר דיר זאלסטו אריין גיין אין א נייע געשעפט, זאלסט בארגן געלט פאר די גויאעשע פריצים אויף הויכע פראצענט און וועסט האבן גרויס הצלחה פון דעם, זאלסט גיין אין דעם גרויסן מארק וואו די פריצים קומען און דארט זאלסטו אנטרעפן פריצים וואס דארפן בארגן געלט.

ר' העשיל איז געווען א חסיד און גארנישט איבער געפרעגט זיין רבין און מיט אמונה פשוטה גזעגענט ער זיך פון רבין וואס ווינטשט אים הצלחה, ר' העשיל טראכט נישט און פארט צום גרויסן מארק און דרייט זיך צווישן די געשעפטן אבער מיט אן אייגענע געלט קען מען נישט פארבארגן געלט! עס איז אריבער דעם ערשטן טאג און אזוי א גאנצע וואך און ר' העשיל האט גארנישט פארדינט, און ווען דער מארק האט זיך פארמאכט איז ער אהיים געפארן אן געלט.

ער האט געווארט אויף די אנדערע וואך ווען עס גייט פארקומען נאך א מארק און ער נעמט זיך פארן אהין מיט אמונה פשוטה וויסענדיג אז דער רבי האט געזאגט ער וועט מצליח זיין, און קומט אן צום מארק און דרייט זיך ווייטער צווישן די געשעפטן, ווען פלוצלינג האט זיך אראפ געלאזט א שטארקע רעגן, און ר' העשיל האט זיך געשטעלט אונטער א דאך פון די טויער פון א געשעפט און געהאפט אז דאס רעגן וועט באלד אריבערגיין, אבער עס הויבט אן צו קומען שטארקע ווינטן און א שטארקע רעגן און דאס בלאזט אים אין פנים און ער וועט דורכגעווייגט און נאס, אבער ער האט נישט וואו צו גיין אוןווארט פאר א ישועה, ווען פלוצלינג זעהט ער ווי דער ווינט טראגט עפעס אנקעגן אים א בערזל און איז געפאלן ממש צו זיינע פיס און ווען האט דאס געעפנט האט ער געזען אז אין דעם בערזל ליגט ניין הונדערט רייניש, וואס איז געווען א גרויסע סומע געלט, ר' העשיל איז מחליט אז ער וועט דאס לאזן לעבן זיך און אכטונג געבן אויף דעם ווייל דער בעלים וועלן מן הסתם קומען זוכן דעם בערזל און ער וועט אים דאס צוריקגעבן וועט זיין א קידוש ה'.

דערווייל גייט אריבער א פאר שעה און דאס רעגן האט זיך אויפגעהערט און ר' העשיל האט זיך אוועק געזעצט אויף א באנק לעבן דעם געשעפט און גענומען ווארטן אויף דעם בעלים, אזוי איז ער געזעצן און געלערנט און געווארט ביז עס זאלן ווערן נאכט און אלע געשעפטן וועלן זיך צושפארן, אפשר וועט א מענטש קומען זוכן דעם בערזל, אבער עס איז אריבער א צייט אין די נאכט און דער מארק איז געווארן אויסגעליידיגט פון מענטשן און ר' העשיל זעהט אז קיינע קומט נישט זוכן דעם בערזל, האט ער שוין פארשטאנען אז דאס איז די ארבעט פון דעם ארי' דבי עליאי וואס האט געפראוועט פאר אים א מופת.

ר' העשיל האט גענומען זיין וואגן און איז מחליט אז מען פארט אהיים און גיט אכטונג אויפן בערזל, און ווען ער וויל ארויספארן פון מארק טרעפט ער א באקאנטע מעקלער פון דעם אייזן געשעפט און זאגט פאר ר' העשיל, אויב דו האסט ניין הונדערט רייניש ביי דיר האט איך פאר דיר א געשעפט וואס דו וועסט קענען שטארק פארדינען אסאך געלט און זייער שנעל!

ר' העשיל ענטפערט אז ער האט יעצט די געלט, און דער מעקלער דערציילט אים אז א געוויסער פריץ האט אים פריערט געזאגט אז ער נויטיגט זיך יעצט אין געלט וואס ער מוז דאס באצאלן ביז מארגן אינדערפרי און דער פריץ איז גרייט צו פארקויפן א קעלער פון גאר אלטע וויין וואס איז ווערט א אוצר און איז גרייט דאס צו געבן פאר אכט הונדערט רייניש און איך וויל פאר די מעקלעריי א הונדערט רייניש, און אויב דו ווילסט מיר נוצן פאר א מעקלער פאר די וויין קען איך האבן פאר דיר א קונה און וועסט קענען מאכן צעהן מאל דיין געלט, און איך בין אויפן וועג צו א סוחר וואס וועט מיר דאס געבן, נאר בהשגחה האב איך דיר יעצט געזען און איך קען דיר, בין איך מוכן דיר צו געבן דעם געלעגנהייט.

ר' העשיל איז אויסער זיך ווייל ער זעהט ווי דער רבי גייט אים נאך און פירט אים צו זיין הצלחה, און ר' העשיל זאגט איך בין גרייט דאס צו טאהן, און דער מעקלער גייט צום הויז פון פריץ און גיט פארן פריץ די אכט הונדערט רייניש און ער פריידט זיך זייער שטארק און מען שרייבט א קאנטראקט אויף די מכירה פון די וויין קעלער, און דער פריץ שרייבט אלעס איבער פארן מעקלער און גייט אוועק זיך טרעפן מיט ר' העשיל, דער מעקלער האט געדארפט גיין זוכן די קונה און ערשט דעמאלט נעמען די וויין מיט ארבעטארערס און א גרויסער וואגן.

דער מעקלער האט גענומען אפאר פעסער מיט זיך און מען נעמט זיך שרייבן א שטר אז די וויין באלאנגט צו ר' העשיל און אז ער גיט דער מעקלער די זכות צו פארקויפן די וויין, און אויך זיין מעקלעריי געלט, דער מעקלער האט געוואוסט פון א סוחר וואס וועט דאס גלייך אפקויפן, און אויף מארגן האט ער גלייך אריבער צום סוחר און געוויזן די פעסער וויין וואס האט מסכים געווען דאס אפצוקויפן.

דער מעקלער האט אלעם מסדר געווען און געברענגט דעם גאנצן אוצר פון וויין פארן סוחר און האט באצאלט פאר ר' העשיל זיין חלק, און פון זיין בערזל פון ניין הונדעט רייניש איז געווארן א פאר טויזנט רייניש, און ר' העשיל איז אהיים געפארן און דערציילט די גוטע בשורה פארן ארי' דבי עילאי, און אים אויך געגעבן א שיינעם נתינה, דער רבי האט אים געהייסן זיך אפרוהען אפאר טעג און צוריקפארן צום מארק שפעטער.

ר' העשיל האט אזוי געטאן און אין מארק האט ער געטראפן א פריץ וואס האט זיך גענויטיגט אין גרויס געלט און מען האט געשריבן א שטר אויף גאר הויכע פראצענט, און פון דעם געשעפט פון בארגן געלט איז ער געווארן א גרויסער עושר, נאר אין זכות וואס ער האט געהאט אמונה פשוטה אין צדיק און נישט געפרעגט קיין קשיות, און ער איז געבליבן א עושר אלע זיינע יארן, זיע"א.

*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן*

מכתב הגאון ר' אלחנן ווסרמן לתלמידו הגאון ר' שלמה היימאן $8000 ספר עם שתי חתימות החידושי הרי"ם ושייך להשפת אמת ואמרי אמת $65000 תשובה מהגאון רבי עקיבא איגר 48 שורות $70000 מכתב חתום מישיבת קאמינעץ תש"ט חתום ע"י הגאון ר' ראובן גרוזובסקי והגאון ר' נפתלי זאב לייבאוויץ $1200 ספר דרושים יקרים מהרה"ק ר' שלמה זלמן מקאפוסט $400, ערבי נחל שנתן הרה"ק מטאש זצוק"ל עם אישור $750, כרתי ופלתי דפוס ראשון $500 ספר מצות ה' שייך להרה"ק ר' דוד צבי מניישטאדט בעל חמדת דוד בן הרה"ק ר' יחזקאל מקוזמיר $1500 ספר שנתן ובירך אדמו"ר מסקולען זצוק"ל $600 ספר התמונות ופעילות של וועד ההצלה $1000 ספר צמח צדיק וויזניץ ג' חלקים דפוס ראשון שייך להגאון בעל שבט הלוי $1200 ספר מהרי"ל שייך להרה"ק ר' ברוך מוויזניץ בעל אמרי ברוך $2000 ספר צדקת יוסף עם הקדשת הר"ר מרדכי מפיטסבורג זצ"ל $500 זוהר סלאוויטא תקפ"ז מצב יפה $26000 תקוני זוהר סלאוויטא ר' משה $9500 מכתב של הגאון ר' חיים עוזר מצב הישיבות שעומדים לסגור $1800 קדושת יו"ט דפו"ר שייך לבעל חלקת יהושע $1200, ספר שיטה מקובצת הקדשת הגאון ר' אברהם קאלמנאוויטש $800 חומש תורה תמימה ד' חלקים עם ד' הקדשות ארוכות של האדמו"ר בעל אמונת אברהם מפיטסבורג זצוק"ל $1800 ספר מהר"ם שיק עם הקדשת הקרן לדוד $2800 ספר עם חתימת הגאון בעל חמדת שלמה והרה"ק ר' יעקב אדמו"ר מיעזוב בן הרה"ק מטשעכנאוו $5000 ספר שייך להרה"ק ר' מנדל מסטראפקוב עם חתימתו $1500 א רשימה פון אונזער ספרים 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ 718 - 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500 Hours are 12 -7:30 Fri 11-1:30, To receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday. check out our website www.seforimworld.com

מיר פארקויפן עכטע זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פדיון נפש אויך אלטע געלט